In 1926 the Medem Sanatorium still had no electricity. The dining room was lit by hanging lamps. In the bedrooms the children undressed by candlelight. The lit candles had to be guarded and watched closely; both Medem Sanatorium buildings were made of wood. One had to prepare for bed, undress, pull on nightclothes, and climb quickly under the comforter. Then *di lerers* would go from room to room collecting the candles, making sure the windows were open for the night, and wishing everyone good night. Two or three children slept in one room. The little ones fell asleep immediately; the older ones a little later. They carried on whispered conversations until they grew tired and reluctantly fell fast asleep. Once, in one of the bedrooms where none of the little ones slept, a couple of the older ones hatched a slightly not-so-kosher plot: to read a book before going to sleep. The sanatorium library happened to have Romain Rolland's *Jean Christophe*,[19] just one copy for many readers. In the sanitorium, nothing was ever locked up. So during the day, the older children simply took a candleholder, a candle, and matches from one of the open rooms. At night, after the teachers had told everyone good night, the children lit the candle again, placed it on the floor so nobody outside could see the light through the window, and they read. The true flavor of reading *Jean Christophe* was especially relished when the readers were lying on their stomachs, hanging half out of their beds, and holding the book low enough so the light of the candle fell directly on the line they were reading. All in all, the delight continued for several nights. Then *Lerer* Gilinski gave another of his talks to the children. He began talking casually about younger children and older children—that older children must set an example for the younger ones. They have to show the younger children what it means to be a responsible "sanatoriumist." For example, an older child must explain to the smaller ones why the teachers themselves have to go around every night putting out the candles in each room and why putting out lights is not one of the positions designated for children. That ended the nighttime readings.

*

Flowers bloomed in the sanatorium. Since it stood in a dry pine forest which had only a few wildflowers, they planted a flower garden in the sanatorium. It grew nasturtiums, pansies, dahlias, asters—all in a variety of colors. No one enjoyed the garden more than *Lerer* Gilinski. Whenever he popped in for a day to the sanatorium, he was as eager to know how the flowers were doing as how the children were doing. One morning, when *Lerer* Gilinksi had stayed at the sanatorium overnight, a small boy knocked on his room and with a trembling voice announced, "*Lerer* Gilinski, all the flowers are torn up! Not even one is left." It wasn't long before *Lerer* Gilinski appeared on the veranda, his hair

---

[19] Roman Rolland's French classic *Jean Christophe* would have been read by the children in Yiddish translation.

disheveled and without his glasses (he was very nearsighted). But before he could ask anything, the smiling little clown confessed, “I was joking! I didn’t mean it.” *Der lerer* burst out laughing and tousled the little brat’s hair and said, “Of course it’s a joke. Who would want the sanatorium to be without flowers?”

Sh. Gilinski’s focus on flowers was only the beginning. Later, *Lerer* Biber,[20] the biologist, came to work at the Medem Sanatorium and introduced extraordinary things: a dovecote for pigeons, cages with rabbits and hens, even an incubator for breeding chickens. Can anyone imagine a happier boy than the one in charge of pigeons? Being able to identify birds by their tweets was equally important to the child-scientists and the child-poets. They chased a bird which chirped “zee-zee-bay.” In fact, they actually named it “Zeezeebay.” *Lerer* Gilinski was always delighted by this. His comrades used to say, “This is how Shloyme Gilinski’s smuggled in territorialism from the ZZ party into the Bund.”[21] The Medem Sanatorium was his “territory.”

Shloyme Gilinski was famous for being an extraordinary, talented teacher. Legends circulated about the time he taught mathematics and cultural history in the *folkshule*s. His former pupils used to describe his lessons as fantastic journeys to distant lands. *Lerer* Gilinski tested his pedagogical theories in the Medem Sanatorium. But at the same time, he also identified with the children born into Jewish poverty who yearned for beauty.

There were some who complained about Shloyme Gilinski:

The Medem Sanatorium is an unreal world; it is too different from the children’s homes. The sanatorium alienates the children from their homes. Children return to the city and

---

[20] Dr. Israel Biber (1898–ca. 1943) was director of Vilna’s Teachers Seminary and was remembered for his commitment to incorporating the natural sciences into Yiddish school curricula. For eight years he was associated with the Medem Sanatorium. Biber would spend summers and his vacations at the sanatorium, where he organized and led science classes and laboratories—famously the most popular among the children. In 1937, he published the illustrated *Friling in vald* (Spring in the forest), a children’s introduction to the natural sciences. In his foreword, Biber wrote, “The Medem Sanatorium has dedicated time and effort to bring the child closer to nature.” The book addresses former child members of the sanatorium as well as those who had not had the privilege and includes stories about the children’s activities and illustrations of animals and birds and even maps of the constellations. Biber was murdered in Estonia, where Jews were sent during the Vilna ghetto’s liquidation. See: https://www.yiddishbookcenter.org/collections/yiddish-books/spb-nybc201220/biber-israel-friling-in-vald. Extended descriptions and recollections of Biber’s activities are included in CYSHO’s *yizker-bukh,* with entries by (among others) Regina Weinreich and Sh. Gilinski. See the *Lerer yisker-bukh*, 146–47.

[21] “ZZ” (or “SS”) was an acronym from the Russian title of the Zionist Socialist Workers’ Party, which Gilinski joined as a young man in the early 1900s. Party members were territorialists who believed in establishing a Jewish state, but not in Palestine. People joked that Gilinski had injected the idea of territorialism (via the bird’s name) into Bund ideology.

begin examining their homes from top to bottom. They no longer like the food. They demand new things: toothbrushes, separate towels, more frequent baths. Some parents can adjust—others can't. Why create conflicts within the home? After all, the Medem Sanatorium is only temporary—the home is permanent.

Shloyme Gilinski replied:

Nothing is too good for our children. There will be no conflicts within the home. In fact, together with the children, we want to bring new things into their homes. The parents who send us their children trust us, and they like what the children bring back home from the Medem Sanatorium. The children are but the first swallows who are the harbingers of spring. Together with them we will make their lives at home more beautiful.

Because the sanatorium was so bright and beautiful, because its educational level was so high, it also became famous outside of the proletariat class. Requests began to come from the Jewish intelligentsia: actors, journalists, and professionals. They would plead, "Take our children into the Medem Sanatorium for a little while." Sometimes the sanatorium gave in, which led to a new complaint:

The Medem Sanatorium was established for children whose parents can't afford to send them to a private sanatorium, who can't send their children anywhere because they have no money. Why take in children who can, in fact, go somewhere else?

Shloyme Gilinski replied: "The complaint is, in essence, correct. But we observed that if we accept a few children to the sanatorium who pay the full price and whose parents belong to the socialist intelligentsia, we gain something too. The children from diverse homes learn from each other and broaden their horizons. They tell each other about their parents, what they themselves do in school, how they spend their time outside of school. We've already had some experience with this. The friendships between children of different backgrounds also continue back in the city. The children and the parents get together. This is a great pedagogical victory; this is a great socialist victory. A proletarian institution has begun to teach a people how to live."

*

To describe the end of this story we must first create a new language.

# מײַנע זכרונות פֿון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע

נישט אַלץ, וואָס איז געווען געדענקט מען, נישט אַלץ, וואָס מען געדענקט, אָדער וואָס מען טראַכט בײַם געדענקען, לאָזט זיך אָנטאָן אין פֿאַרשריבענע ווערטער פֿאַר אַלעמען צום לייענען. זענען דעריבער פֿאַרשריבענע זכרונות טאָפּל סעלעקטיוו: מיר זענען נישט אַלע מאָל בכּוח צוריקצורופֿן אין זכּרון דאָס אַוועקגעגאַנגענע; נישט אַלץ, וואָס איז אונדז שוין יאָ געראָטן צוריקצורופֿן זעט אונדז אויס צו האָבן גענוג האַפּט פֿאַר הײַנט.
די מעדעם־סאַנאַטאָריע איז דאָך געווען ערבֿ היטלער, ערבֿ חורבן פֿון ייִדישער מיזרח־אייראָפּע, ערבֿ טאָטאַלן אונטערגאַנג פֿון אַ דור מיט אַ גראַנדיעזן חלום וועגן דער יושרדיקסטער פֿון אַלע וועלטן. וואָס ווערט פֿון חלומות, ווען זייערע טרעגערס ווערן פֿאַרשניטן? צי גייען חלומות איבער בירושה? ווּ זענען די בעלנים אויף צו ירשענען יענע חלומות? אָן אַ שיעור פֿרעגצייכנס שטעלן זיך אין וועג און לאָזן נישט אויספֿורעמען קיין כראָנאָלאָגיש גלאַטיקע מעשׂה־שהיה.
„אַ קינד פֿון מעדעם־סאַנאַטאָריע” איז געווען אַ טיטל וואָס מען האָט געקריגן, אַז מען איז אָפּגעווען אין סאַנאַטאָריע אַ חודש צי מער. מען איז דעמאָלט געוואָרן אַ גראַדואַנט פֿון אַן אויסטערלישער שול, וואָס איז געווען האַלב חלום האַלב וואָר. אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע, ווּ פּראָפֿילאַקטישע מעדיצין האָט פֿאַרהיט ייִדישע אַרבעטער־קינדער פֿון טובערקולאָז, האָבן זיך צונויפֿגעשפּונען דער קאָלעקטיווער חלום פֿון „בונד” מיט די אינדיווידועלע חלומות פֿון אידעאַליסטישע דאָקטוירים און פּעדאַגאָגן, און פֿון דעם איז געבוירן געוואָרן אַ זיכערע ראַיה, אַז אויב מען וויל זייער שטאַרק, קען די וועלט זײַן טאַקע שיין.
*

קיינער האָט נישט געדענקט, ווי אַזוי דאָס איז געשען, אָבער די קראַנקן־שוועסטערס האָט מען אין סאַנאַטאָריע גערופֿן „לערערינס”: „לערערין בערנשטיין”, „לערערין דאַנציס”; דער טראָפּ איז געווען נישט אויף קראַנק זײַן, נאָר אויף פּעדאַגאָגיק. אָט האָט אַפֿילו די לערערין וויטשיק, וואָס האָט זיך פֿאַרנומען מיט פּלאַנירן די מאָלצײַטן, גלײַכצײַטיק אַרײַנגעפֿירט נײַע ווערטער אין דער סאַנאַטאָריע־שפּראַך: וויטאַמינען, פּאָמידאָרן, שפּינאַק, קאַלאַפֿיאָר, פֿאַרנאַכט־עסן. מען האָט בײַ איר געמוזט וויסן וואָס מען עסט.
*

ווי הויך איז דער לערער טראָופּיאַנסקי? די קינדער מיינען, אַז ער איז דער העכסטער. זײַן שוואַרצע טשופּרינע טורעמט איבער די קינדערשע קעפּלעך, און פֿונעם טונקעלן פּנים זײַנעם לײַכטן צו זיי אַראָפּ צוויי שוואַרצע שמייכלענדיקע אויגן און צוויי שורות ווײַסע פֿינקלענדיקע ציין. צעלאַכט ער זיך אויף אַ קול, קלינגט דאָס געלעכטער מיט אַ פֿאַרבעטונג צו שטיפֿערײַ, צו שפּילן זיך אין יאָגעלעך, אין כאַפּערלעך, אָדער אין הוידען זיך אויף אַ צווײַג פֿון אַ סאָסנע מיט איין האַנט צי מיט ביידע. אַ מאָל טרעפֿט, אַז טראָופּיאַנסקי הייבט אָן גלאַט אַזוי שטעלן גיכע טריט, הייבן אָן די קינדער אים נאָכלויפֿן; גיט ער זיך פּלוצלונג אַ שטעל אָפּ, נעמען די פֿונאַנדערגעלאָפֿענע קינדער פֿאַלן איינס אויפֿן אַנדערן און ס'ווערט אַ לאַכעדיקער קוויטשעדיקער כאָר.
טראָופּיאַנסקין זעט מען אָפֿט מיט זײַן קאָנצערטינע אין האַנט. אַ מאָל שטייט זי נעבן אים אויפֿן טיש אין עסצימער בעת אַ מאָלצײַט. דאָס מיינט, אַז מען וועט באַלד זינגען. אין קעשענע ליגט בײַ אים אַלע מאָל אַ פֿײַפֿל, וואָס די קינדער האָבן אַ נאָמען געגעבן ***דאָ***, ווײַל נאָך יעדן פֿײַף זינגט דער לערער: דאָ־אָ־אָ!
טראָופּיאַנסקי איז אַ ווילנער. ער האָט געענדיקט דעם ווילנער לערער־סעמינאַר; ער איז אַ בונדיסט פֿון דעם יונגן דור פֿון צווישן ביידע וועלט־מלחמות אין פּוילן. אין מעדעם־סאַנאַטאָריע שטעלט ער זײַנע ערשטע לערערשע טריט, אָבער זײַן גאַנג איז שוין אַ פֿעסטער: ער איז אַ לערער פֿון געזאַנג. אַלץ הייסט אַ לערער פֿון געזאַנג! ער איז אַ קאָמפּאָזיטאָר, ער איז דורך און דורך מוזיק. די קינדער האָבן אַפֿילו געהערט, אַז דער לערער טראָופּיאַנסקי האָט „געשאַפֿן אַן אָפּערע”. מען האָט אָפֿט געזונגען שטיקלעך פֿון זײַן מוזיק צו מ. ווײַנרײַכס פּורים־שפּיל ***מכירת־יוסף***, וואָס דער ווילנער לערער־סעמינאַר האָט אַזוי געראָטן אויפֿגעפֿירט. אָבער זיי האָבן דאָך אַליין געפֿילט דעם קינסטלער אין אים און דערפֿאַר האָבן זיי זיך צו אים אַזוי געקלעפּט. מאַני לייב האָט אָנגעשריבן אַ ווינטער־מעשׂהלע אין פֿערזן, וואָס מען האָט געלערנט אין די ייִדישע שולן, אָבער מען האָט געדאַרפֿט הערן ווי טראָופּיאַנסקי זינגט פֿאַר די קינדער „בלימעלעך, קרענצעלעך מאָלט אויף די שויבן דער פֿראָסט”, כּדי צו וויסן, אַז מוזיק קאָן פֿאַרכּישופֿן ווערטער.
טראָופּיאַנסקי פֿלעגט שפּילן מיט די קינדער אַ שפּיל אין גרינס. די מעלה פֿון דער שפּיל איז געווען, וואָס מען האָט זי געקענט שפּילן וואָכן נאָך אַנאַנד. עטלעכע אירע (די צאָל איז נישט באַגרענעצט) מאַכן אָפּ צווישן זיך, אַז זיי וועלן שטענדיק האָבן בײַ זיך עפּעס אַ סימן ***גרינס***: אַ בלעטל, אַ גרעזל, אַ שטענגל, אַ גרינעם עפּל, אַ גרינעם ווײַנטרויב, וואָס עס זאָל נישט זײַן, אַבי גרין. ייִנגלעך פֿלעגן זייער גרינס האַלטן אין קעשענע, מיידלעך האָבן אָפֿט געמוזט צושפּיליען דאָס גרינס מיט אַ שפּילקע צום קליידל, אָדער אויב מען האָט געהאַט צעפּלעך, האָט מען עס אַרײַנגעפֿלאָכטן אין צעפּל. מען איז טאַקע געווען כּסדר אַרומגערינגלט מיט גרינס, אָבער מען האָט נישט אַלע מאָל

געדענקט צו האָבן עס בײַ זיך. איז גאָר נישט אַזוי שווער געווען צו פֿאַרשפּילן. אָבער צום שווערסטן איז געווען צו כאַפּן אָן גרינס דעם לערער טראָופּיאַנסקי, ווײַל ער איז שטענדיק אַרומגעגאַנגען מיט אַ גרעזל, אָדער אַ בלעטל אין מויל. איין מאָל האָבן עטלעכע קינדער זיך צונויפֿגערעדט אָפּצוּוואַרטן אים בײַם טויער פֿון דער סאַנאַטאָריע, ווען ער האָט געדאַרפֿט צוריקקומען אַ שטאָטיש אויסגעפּוצטער פֿון וואַרשע. דעמאָלט וועט ער זיכער האָבן פֿאַרגעסן אָנעם גרינס. דערזעט טראָופּיאַנסקי פֿון דער ווײַטנס, אַז חבֿרה שטייט בײַם טויער, האָט ער אַ שפּרונג געטאָן אין דער הייך, האָט מיט די ציין אָפּגעריסן אַ פּאָר גרינע נאָדלען פֿון דעם נאָענטסטן סאָסנעבוים און עס געהאַלטן אין מויל. ווען ער איז צוגעקומען צום טויער, האָבן די קינדער אויסגערופֿן: גרינס! האָט דער לערער געעפֿנט דאָס מויל און געוויזן אַ פֿולן מויל גרינע נאָדלען. האָט אָבער אַ קליין ייִנגעלע געפֿרעגט: „פֿאַר וואָס האָט דער לערער געגעבן אַ שפּרונג צום בוים?" „ווײַל איך האָב נישט געהאַט קיין גרינס", האָט דער לערער געענטפֿערט. און די קינדער האָבן געוווּנען.

*

אין סאַנאַטאָריע טומלט זיך הײַנט. שלום אַש איז געקומען צו גאַסט. איין קלייניקייט, שלום אַש! מיט אים איז מיטגעקומען אַ גרופּע שרײַבערס און זשורנאַליסטן פֿון וואַרשעווער ליטעראַטן־פֿאַראיין. די קינדער מאַכן אַ גרויסע ראָד און נעמען אַרײַן אַלע שרײַבערס אין מיטן. די פֿרייד איז גרויס. איין קינד באַגריסט די שרײַבערס, אָבער באַזונדער שלום אַשן, דעם „פֿאָרשטייער פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור". שטייט שלום אַש, אַזאַ ריז אין אַ שוואַרצער פּעלערינע, און קוקט אַריבער אַלץ און אַלעמען. ער זאָגט עפּעס, אָבער אַזוי שטיל, אַז מען הערט קוים. שפּעטער האָט ער אַרײַנגעשריבן אין דעם גאַסטבוך אַ לויב „פֿאַר די ייִנגלעך און מיידלעך, וואָס בויען די מעדעם־סאַנאַטאָריע." וועמען האָט דאָ שלום אַש געהאַט אין זינען? די קינדער, די לערער? איז געבליבן אַ קשיא.

*

משה נאַדיר איז געקומען פֿאַרברענגען אַ טאָג אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע. גייט צו צו אים אַ קינד און הייסט אים זאָגן: „גיב מיר". זאָגט ער : „גיב מיר". גיט אים דאָס קינד אַ פּאַטש איבערן האַנט און זאָגט: „נאַ דיר". איז משה נאַדיר געבליבן שטיין מיט דער אויסגעשטרעקטער האַנט און געזאָגט: „זע נאָר ווי זיי האָבן געכאַפּט מײַן סטיל. כ'בין מיך אַזש אַליין מקנא".

*

ווען משה נאַדיר איז מיטאָגצײַט געזעסן אין עסצימער בײַם טיש מיט די קינדער, האָט ער זיך שטאַרק איבערגענומען מיט דעם ווי דער לערער שלמה גילינסקי פֿירט טיש. צווישן איין מאכל און אַ צווייטן האָט דער לערער גילינסקי געהאַלטן איינע פֿון זײַנע באַרימטע רעדעס צו די קינדער. דער ענין איז אַ האַרבער: ווער זאָל אויף זיך נעמען די נישט־אָנגענעמע אַמטן? אויף דער אַלגעמיינער קינדער־פֿאַרזאַמלונג ווײלט מען אַ פֿאָרזיצער, אַ סעקרעטאַר, אָבער אויף אַן אַמט דאַרף מען זיך אַליין פֿאָרלייגן. מען דאַרף טאָן די אַרבעט פֿרײַוויליק. פֿאַר טייל אַמטן, למשל, ביבליאָטעקאַר, אײַנלייגן די דעקעס פֿון די ליגבעטלעך אויף דער ווערענדע, פֿונאַנדערטיילן די טערמאָמעטערס און פֿאַרשרײַבן די היץ, זענען אַלע מאָל פֿאַראַן אַ סך קאַנדידאַטן אָבער קיינער הייבט נישט אויף די האַנט און זאָגט נישט: איך וויל זײַן אַן אויפֿזעער איבער די נאַכטטעפּלעך. מיר האָבן אין סאַנאַטאָריע קליינע קינדער און מיר מוזן האָבן די נאַכטטעפּלעך פֿאַר זיי. ווער זשע זאָל אויף זיי אַכטונג געבן? קיין אָנגענעמער אַמט איז דאָס טאַקע נישט, אָבער עמעצער מוז דאָך דאָס טאָן. בײַ אונדז צווינגט מען קיינעם נישט צו נעמען וואָסער נישט איז אַמט. בלײַבט נישט קיין אַנדער ברירה, נאָר אַז די אינטעליגענטסטע קינדער, וואָס פֿאַרשטייען ווי וויכטיק דער אַמט איז פֿאַר אונדז אַלעמען, זאָלן פֿרײַוויליק זיך פֿאָרלייגן צו דער שווערסטער, נישט־אָנגענעמסטער אַרבעט. משה נאַדיר האָט אין זײַן קלייניניקן נאָטיצביכל פֿאַרשריבן: נאַכטטעפּלעך – זייער אַן אינטעליגענטער אַמט.

*

אין קלובצימער אויף דער וואַנט איז געהאָנגען אַ גרויסע צייכענונג: אַ שטאַרק פֿאַרצווײַגטער בוים מיט אויפֿשריפֿטן אויפֿן שטאַם און אויף די באַזונדערע צווײַגן. דאָס איז געווען דער סימבאָל פֿון דער סאַמע דעמאָקראַטישסטער רעפּובליק, די קינדערשע אַליין־פֿאַרוואַלטונג. די העכסטע אויטאָריטעט איז געווען די אַלגעמיינע קינדער־פֿאַרזאַמלונג. אָט דער בוים איז געווען אַ טייל פֿון שלמה גילינסקיס חלום. ער פֿלעגט כּסדר טענהן: די קינדער וועלן אונדז אויסלערנען ווי אויפֿצובויען אַ יושרדיקע וועלט.

*

הײַנט איז ערבֿ יום־כּיפּור. דער לערער גילינסקי איז הײַנט געקומען פֿון וואַרשע און ער וועט שוין דאָ בלײַבן נעכטיקן. מאָרגן איז דער וואַרשעווער סעקרעטאַריאַט פֿון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע געשלאָסן, וועט שוין דער לערער פֿאַרברענגען דעם טאָג אין סאַנאַטאָריע. צום אָוונטברויט האָט מען הײַנט סערווירט וואַרשעווריש געקאָכטע קאַרפּ (געפֿעפֿערט און געצוקערט) מיט קלוסקעלעך באַגאָסן מיט פֿישיויך. אין עסצימער איז נישט אַזוי ליכטיק ווי געוויינטלעך בײַם אָוונטברויט. נישט אַלע לאָמפּן האָט מען אָנגעצונדן. דער לערער ש. גילינסקי רעדט צו די קינדער וועגן דעם, ווי מען פּראַוועט יום־כּיפּור אין פֿאַרשידענע היימען; אַ קינד לייענט יהואשעס אַ יום־כּיפּור־מעשׂהלע. אין עסצימער איז זייער שטיל, די שטימונג האַלב פֿײַערלעך, האַלב שרעקעוודיק, אָבער מודה זײַן זיך, אַז מען איז איבערגענומען, פֿאַסט נישט. די עלטערע קינדער האָבן אויף צו מאָרגנס געהאַט טענות צום לערער: די סאַנאַטאָריע

איז אַ וועלטלעכע אינסטיטוציע, צו וואָס איבערשרעקן די קליינע קינדער? דער אמת איז, אַז קליינוואַרג האָט תּיכּף אָנגעהויבן שטיפֿן ווי קיין מאָל גאָרנישט, איבערגענומען האָבן זיך גראָד די „וועלטלעכע” עלטערע קינדער. דער לערער גילינסקי האָט זיך פֿאַר זיי פֿאַרענטפֿערט: כּדי צו קענען זאָגן ניין, דאַרף מען פֿריִער גוט פֿאַרשטיין דעם יאָ. די דיסקוסיע אַרום רעליגיע, וועלטלעכקייט, דערציִונג, דערוואַקסענע, קינדער – האָט מען געמוזט איבעררײַסן אין מיטן, אויפֿן האַלבן וועג צו דער באַנסטאַציע אין מיעדזעשין. נאָר ביזן האַלבן וועג האָבן די עלטערע קינדער געמעגט באַגלייטן דעם לערער. זיי האָבן זיך נישט געטאָרט צו פֿיל פֿאַרמאַטערן מיט גיין.

*

אין 1926 איז נאָך אין מעדעם־סאַנאַטאָריע קיין עלעקטריע נישט געווען. אין עסצימער האָבן געברענט הענגלאָמפּן. אין די שלאָפֿצימערן פֿלעגט מען זיך אויסטאָן בײַם שײַן פֿון אַ ליכטל. דאָס לײַכטערל מיטן אָנגעצונדענעם ליכט האָט מען געדאַרפֿט היטן ווי אַן אויג אין קאָפּ: ביידע בנינים פֿון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע זענען געווען הילצערנע. האָט מען אויף גיך געדאַרפֿט זיך אויסבעטן, אויסטאָן זיך, אָנטאָן דאָס נאַכטהעמד און תּיכּף אַרונטערקריכן אונטער דער קאָלדרע. די לערערס זענען דערנאָך אַרומגעגאַנגען פֿון צימער צו צימער צונויפֿנעמען די ליכט, געזען די פֿענצטער זאָלן זײַן אָפֿן אויף בײַ נאַכט און געזאָגט אַלעמען „אַ גוטע נאַכט”. מען איז געשלאָפֿן צו צוויי, צו דרײַ אין אַ צימער. די קליינינקע פֿלעגן באַלד אײַנשלאָפֿן, די עלטערע אַ ביסל שפּעטער. פֿריִער האָט מען נאָך איינס מיטן אַנדערן געפֿירט אַ שעפּטשעדיקן שמועס ביז מען איז מיד געוואָרן און נישט־ווילנדיק פֿאָרט אײַנגעשלאָפֿן. האָט אַ מאָל געטראָפֿן, אַז אין איין צימער, ווו קיין קליינע קינדער זענען נישט געשלאָפֿן, זענען צוויי עלטערע קינדער געפֿאַלן אויף אַ נישט־כּשרן פּלאַן: לייענען אַ בוך פֿאַרן אײַנשלאָפֿן. אין דער סאַנאַטאָריע־ביבליאָטעק האָט זיך גראָד באַוויזן ראָמען ראָלאַנס ***זשאַן קריסטאָף***, איין עקזעמפּלאַר בסך־הכּל און לייענערס – אַ סך מער. אין סאַנאַטאָריע האָט מען קיין זאַך נישט פֿאַרשלאָסן, האָבן די עלטערע קינדער פּשוט גענומען בײַ טאָג פֿון אַן אָפֿענעם צימער אַרויס: אַ לײַכטער, אַ ליכט און שוועבעלעך. בײַ נאַכט, נאָך דעם ווי די לערערס האָבן געזאָגט „אַ גוטע נאַכט”, האָט מען אין צימער ווידער אָנגעצונדן אַ ליכט, געשטעלט דאָס אויף דער ערד, מען זאָל פֿון דרויסן נישט זען קיין באַלויכטענעם פֿענצטער און מען האָט געלייענט. דעם אמתן טעם פֿון לייענען ***זשאַן קריסטאָף*** האָט מען ערשט דערפֿילט, ווען מען איז געלעגן אויפֿן בויך האַלב אַרויסגעהאָנגען פֿון בעט און געהאַלטן דאָס בוך גענוג נידעריק, אַז דער שײַן פֿונעם אָנגעצונדענעם ליכטל זאָל פֿאַלן פּונקט אויף די שורות, וואָס מען האַלט אין לייענען. דער תּענוג האָט געדויערט עטלעכע נעכט בסך־הכּל. ווידער האָט דער לערער גילינסקי געהאַלטן איינע פֿון זײַנע רעדעס צו די קינדער. ער האָט גערעדט גלאַט אַזוי, וועגן ייִנגערע קינדער און עלטערע קינדער און וועגן דעם, אַז די עלטערע קינדער דאַרפֿן זײַן אַ מוסטער פֿאַר די קלענערע, זיי דאַרפֿן ווײַזן די קלענערע קינדער, וואָס עס מיינט זײַן אַ פֿאַראַנטוואָרטלעכער סאַנאַטאָריסט. אַן עלטער קינד דאַרף אויפֿקלערן די קלענערע, למשל, פֿאַר וואָס די לערערס גייען אַליין אַרום איבער די צימערן און לעשן בײַ נאַכט אויס די ליכט, פֿאַר וואָס ס'איז נאָך בײַ אונדז נישטאָ קיין אַמט פֿאַר לעשן ליכט. מער האָט מען שוין בײַ נאַכט נישט געלייענט.

*

אין סאַנאַטאָריע זענען געוואַקסן בלומען. אינעם טרוקענעם סאָסנעוואַלד, ווו די סאַנאַטאָריע איז געשטאַנען, זענען געוואַקסן גאַנץ ווייניק פֿעלדבלומען, האָט מען אין סאַנאַטאָריע פֿאַרזעצט אַ בלומען־גאָרטן. עס זענען דאָרט געוואַקסן נאַסטורציעס, חנהלעס אייגעלעך, געאָרגיניעס, אַסטרעס – און אַלץ פֿון פֿאַרשידענע קאָלירן. קיינער האָט אַזוי נישט אָנגעקוואָלן פֿון די בלומען ווי דער לערער גילינסקי. אַז ער פֿלעגט זיך אַראָפּכאַפּן אויף אַ טאָג אין סאַנאַטאָריע, האָט ער פּונקט אַזוי געוואָלט וויסן, וואָס עס מאַכן די בלומען ווי וואָס עס מאַכן די קינדער. איין מאָל אין אַן אינדערפֿרי, ווען דער לערער גילינסקי האָט גענעכטיקט אין סאַנאַטאָריע, האָט אַ ייִנגעלע אָנגעקלאַפּט אין זײַן צימער און מיט אַ ציטערדיק קול געלאָזט וויסן: „לערער גילינסקי, מען האָט אויסגעריסן אַלע בלומען, קיין איין בלום איז נישט געבליבן.” ס'האָט נישט לאַנג געדויערט און אויף דער וועראַנדע האָט זיך באַוויזן דער לערער גילינסקי מיט אַ צעשויבערטן קאָפּ האָר, אָן ברילן אויף די זייער קורצזיכטיקע אויגן, אַ צעשראָקענער. אָבער איידער ער האָט נאָך צײַט געהאַט עפּעס צו פֿרעגן, האָט אַ צעשמייכלטער שטיפֿער זיך מודה געווען: „כ'האָב געמאַכט אַ שפּאַס”. צעלאַכט זיך דער לערער, צעפּאַטלט בײַם חבֿרה־מאַן די האָר אויפֿן קאָפּ און זאָגט: „אַוודאי אַ שפּאַס. ווער וועט דאָס וועלן, אַז די סאַנאַטאָריע זאָל בלײַבן אָן בלומען?”

ש. גילינסקי האָט מיט די בלומען נאָר געמאַכט אַן אָנהייב. שפּעטער איז אין מעדעם־סאַנאַטאָריע אָנגעקומען אַרבעטן דער לערער ביבער, דער ביאָלאָג, וואָס האָט אײַנגעפֿירט גאָר אויסטערלישע זאַכן: אַ טויבנשלאַק מיט טויבן, שטײַגן מיט קראָליקעס און הינער, און אַפֿילו אַן אינקובאַטאָר אויף אויסצובריִען הינדעלעך. צי קען זיך עמעצער פֿאָרשטעלן אַ מער גליקלעך ייִנגל ווי אַ ייִנגל אַן אויפֿזעער איבער טויבן? דערקענען פֿייגל לויט זייער צוויטשער איז געוואָרן אַן ענין פֿאַר קינדער וויסנשאַפֿטלערס און קינדער פּאָעטן צו גלײַך. מען האָט זיך געיאָגט נאָך אַ פֿויגל, וואָס האָט געצוויטשערט זי־זי־ביי און מען האָט אים טאַקע גערופֿן ***זיזיביי***. דעם לערער גילינסקין איז פֿון דעם אַלעמען צוגעקומען אַ שטיק געזונט. די חבֿרים זײַנע פֿלעגן זאָגן: דאָס איז שלמה גילינסקיס טעריטאָריאַליזם, וואָס ער האָט אַריבערגעשמוגלט פֿון דער עסעס־פּאַרטיי אין „בונד” אַרײַן. די מעדעם־סאַנאַטאָריע איז זײַן טעריטאָריע.

שלמה גילינסקי האָט געשמט פֿאַר אַן אויסערגעוויינטלעך טאַלאַנטירטן לערער. פֿון די צײַטן, ווען ער האָט אין פֿאָלקשול געלערנט אַריטמעטיק און קולטור־געשיכטע, זענען אַרומגעגאַנגען לעגענדעס. זײַנע געוועזענע תּלמידים פֿלעגן דערציילן, אַז דעם לערער גילינסקיס אַ לעקציע איז געווען ווי אַ פֿאַנטאַסטישע נסיעה אין ווײַטע לענדער אַרײַן. אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע האָט שלמה גילינסקי אויסגעפּרוּווט זײַנע פּעדאַגאָגישע טעאָריעס, אָבער ער האָט זיך אויך אַליין אידענטיפֿיצירט מיט די קינדער פֿון דער ייִדישער אָרעמקייט, וואָס האָבן געבענקט נאָך שיינקייט.

מען האָט געהאַט גרויסע טענות צו שלמה גילינסקין אויך:

די מעדעם־סאַנאַטאָריע איז אַן אומרעאַלע וועלט. זי איז צו ווײַט פֿון די קינדערשע היימען. די סאַנאַטאָריע פֿרעמדט אָפּ דאָס קינד פֿון זײַן היים. עס קומט צוריק אין שטאָט און נעמט קוקן אויף זײַן היים פֿון אויבן אַראָפּ. אים געפֿעלט נישט מער דאָס עסן, ער פֿאָדערט נײַע פֿירונגען: צאָנבערשטלעך, באַזונדערע האַנטעכער, אָפֿטע בעדער. טייל עלטערן קענען דאָס נאָכגעבן, אַנדערע נישט. צו וואָס שאַפֿן קאָנפֿליקטן מיט דער היים? די סאַנאַטאָריע איז דאָך נאָר אויף דערווײַל, די היים – אויף כּסדר.

האָט שלמה גילינסקי געענטפֿערט:

נישטאָ קיין צו גוט פֿאַר אונדזערע קינדער. עס וועלן נישט זײַן קיין קאָנפֿליקטן מיט דער היים, ווײַל מיר, צוזאַמען מיט די קינדער, ווילן דאָך טאַקע אַרײַנפֿירן נײַעסן אין דער היים. די עלטערן, וואָס שיקן צו אונדז זייערע קינדער, האָבן צו אונדז צוטרוי, און זיי איז ליב, וואָס די קינדער ברענגען פֿון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע אַהיים. די קינדער זענען נאָר די ערשטע שוואַלבן, וואָס זאָגן אָן דעם פֿרילינג. צוזאַמען מיט זיי וועלן מיר שענער מאַכן דאָס לעבן אין זייערע היימען. צוליב דעם וואָס די סאַנאַטאָריע איז געווען אַזוי ליכטיק און שיין, צוליב דעם וואָס דער פּעדאַגאָגישער ניוואָ אירער איז געווען אַזאַ הויכער, איז זי געוואָרן אַ שם־דבֿר מחוץ דער פּראָלעטאַרישער סבֿיבֿה אויך. ס'האָבן גענומען אָנקומען ווענדונגען פֿון דער ייִדישער אינטעליגענץ: אַקטיאָרן, זשורנאַליסטן, מענטשן פֿון פֿרײַע פּראָפֿעסיעס – „נעמט אַרײַן אונדזערע קינדער אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע אויף אַ ווײַלע.” האָט מען אין טייל פֿאַלן נאָכגעגעבן, איז געקומען אַ פֿרישע טענה:

די מעדעם־סאַנאַטאָריע איז געשאַפֿן געוואָרן פֿאַר קינדער פֿון עלטערן, וואָס קענען זייערע קינדער נישט שיקן אין קיין פּריוואַטע סאַנאַטאָריעס, וואָס קענען זייערע קינדער אין ערגעץ נישט שיקן, ווײַל ס'איז קיין געלט נישטאָ. פֿאַר וואָס זשע נעמט מען אָן קינדער, וואָס קענען יאָ פֿאָרן ערגעץ אַנדערש?

האָט שלמה גילינסקי געענטפֿערט: די טענה איז אין תּוך אַ גערעכטע, אָבער מיר האָבן זיך אַרומגעזען, אַז אויב מיר נעמען אָן אין סאַנאַטאָריע פֿאַר אַ פֿולן קאָסטנפּרײַז עטלעכע קינדער, וואָס זייערע עלטערן געהערן צו דער סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ, געווינען מיר עפּעס אויך. די קינדער פֿון די פֿאַרשידענע היימען לערנען זיך איינער בײַם צווייטן און דאָס ברייטערט אויס זייערע האָריזאָנטן. די קינדער דערציילן איינער דעם אַנדערן, וואָס זייערע טאַטע־מאַמע טוען, וואָס זיי אַליין טוען אין שול, ווי זיי פֿאַרברענגען די צײַט מחוץ דער שול. מיר האָבן שוין אַ ביסל פּראַקטיק אין דעם. די פֿרײַנדשאַפֿט פֿון די קינדער פֿון פֿאַרשידענע היימען האַלט אָן אין שטאָט אויך. קינדער באַגעגענען זיך, און אַפֿילו די עלטערן אויך. דאָס איז אַ גרויסער פּעדאַגאָגישער געווינס, דאָס איז אַ גרויסער סאָציאַליסטישער געווינס: אַ פּראָלעטאַרישע אינסטיטוציע האָט גענומען לערנען אַ פֿאָלק ווי צו לעבן.

*

אויף צו באַשרײַבן דעם סוף פֿון דער מעשׂה דאַרף מען נאָך ערשט שאַפֿן אַ נײַע שפּראַך.